# שיחות קודש

**❃ תוכן השיחה בביקורו של כ"ק האדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, בליל שני פרשת ויקהל העעל"ט:**

**אדמו"ר שליט"א** התעניין בשלומו הטוב.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים** אמר שהגיע לארה"ב לנישואי נכדיו למז"ט וכעת נודע לו מפטירת הרבנית הצ' ע"ה וניחם בברכת המקום ינחם אתכם וכו'.

**אדמו"ר שליט"א:** אמן, און דאז"ה מ'זאל קענען קענען קומען אויף שמחות.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** כ'בין געווען מיט'ן טאטן כ"ק מרן זי"ע בשעת ער איז געווען אין ארץ ישראל. ער האט געפירט דעם שבת אין ישיבת פורת יוסף אין ירושלים.

**אדמו"ר שליט"א:** יא. דער טאטע ז"ל איז נאר איינמאל געווען אין ארץ ישראל, ביי מיין חתונה [אב תשי"ט].

ואמר רבינו אודות אביו הגה"צ ר' בנימין ראבינאוויטץ זצ"ל חבר הבד"צ העדה החרדית בירושלים: דער טאטע ז"ל איז געווען גאר א נאנטער קרוב מיט'ן באיאנער רבי'ן ז"ל. געדענק איך אז ס'איז זיי פונקט אויסגעקומען אמאל צו שמועסן פון ארץ ישראל, און דער באיאנער רבי האט דערמאנט אז ס'איז דא דארט א איד "רבי בנימין ראבינאוויטץ", און ער האט איהם אזוי מפליא געווען מיט שבחים! כ'בין נאך געווען יונג אבער ס'איז מיר געבליבן אין זכרון.

מ'איז דאך אייניקלעך פונעם יוד הקדוש מפרשיסחא זי"ע בן אחר בן.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** אונז בעטן מיר אז זכות אבות זאל מגין זיין אז מיר זאלן שוין אלע דערלעבן די גאולה! ס'זאלן שוין נישט זיין קיין פאסירונגען ל"ע. מ'זאגט נאך אז ווען דער אלטער סאדיגורער רבי זי"ע איז נאך געווען יונג, איז ער געזעצן אמאל מיט'ן טאטן דער הייליגער רוז'ינער זי"ע. פרעגט איהם דער רוז'ינער: "אברהם יעקב'ניו, וואס זאגסטו? וואס דארף זיין פאר משיח'ן?". האט ער געזאגט: ס'דארף זיין גוט פאר אידן".

האט דער פאטער געפרעגט: "פארוואס זאגסטו אזוי?". האט דאס קינד געענטפערט: "טאמער וועט נישט זיין גוט ח"ו פאר אידן, וועט מען מיינען אז משיח איז געקומען כדי ס'זאל ווערן גוט - און מ'וועט נישט וויסן ווענן וואס משיח איז געקומען... אבער אז ס'וועט זיין גוט פריער, וועט מען שוין וויסן פארוואס משיח איז געקומען, כדי ס'זאל זיין 'כי מלאה הארץ דעה את השם (ישעיה יא, ט)!".

**אדמו"ר שליט"א:** מ'זאגט נאך ווערטליך, אז טאמער איינער איז נישט קיין בר דעת און ער מיינט אז דאס גאנצע וואס מ'דארף משיח'ן איז נאר כדי ס'זאלן נשלם ווערן די גשמיות'דיגע זאכן און ס'זאל איהם ווערן באקוועמער, אויב דאכט זיך איהם אז ער איז צופרידן פונעם גשמיות - פילט ער נישט אלס וואס דארף מען האבן אז משיח זאל קומען... מ'זאגט אפילו נאך ווערטליך אז איינער וואס איז נישט געווען קיין בר דעת האט מורא געהאט אז אויב משיח וועט קומען וועט דאס איהם שטערן זיין גשמיות... (מאמר מרדכי - סלאנים בשם המאור עינים זי"ע וילקוט מאורי אור בשם רמ"נ מראחמסטריווקא) ער האט דאך נישט געהאט קיין השגה וואס דאס איז 'מלאה הארץ דעה'.

אז מ'האט דערמאנט דעם פסוק 'כי מלאה הארץ דעה' - דער טאטע ז"ל האט מיר אמאל נאכגעזאגט, אז הרה"ק רבי איציקל באיאנער זי"ע איז דאך געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי יוחנן ראחמיסטריווקער זי"ע, און דער סאדיגורער זי"ע האט דאך נישט געקענט קומען איבער די גרעניץ, איז די חתונה געווען אין א גרעניץ שטאט [חאטין]. איז געווען דארט א ריזן עולם פון דער טשערנאבלער צד און פון דער רוז'ינער צד, און ס'איז געווען עפעס א געוואלדיגע געדרענג.

איז געווען א איד וואס האט נאכדעם געפרעגט פון רבי יוחנן ראחמיסטריווקער: אויב ס'איז יעצט געווען אזא געדרענג אז מ'האט נישט געקענט כאפן דעם אטעם, וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען און ער וועט מקבץ זיין אלע אידן מארבע כנפות הארץ? וויאזוי וועט מען זיך דעמאלס אן עצה גיבן? האט רבי יוחנן געענטפערט: "פארוואס שטיפט מען זיך? ווייל איינער מיינט אז ער קען אריין אין יענעמ'ס גבול, שטיפט מען זיך ווייל ער וויל אנקומען דארט און דער וויל אנקומען דארט. אבער בשעת משיח וועט קומען וועט דאך זיין 'מלאה הארץ דעה את השם', וועט יעדער זיין א 'מכיר את מקומו' - און ממילא וועט מען נישט דארפן שטיפן, וועט זיין פלאץ פאר יעדן איינעם"...

דער טאטע ז"ל האט נאכגעזאגט נאך א זאך פון דעם חתונה: דער זיידע [מרן מהר"ד] ז"ל איז געווען דעמאלס א קינד פון פיר יאר, און ס'איז געווען א געדרענג און ער האט שטארק געוויינט. האט רבי יוחנן ראחמיסטריווקער איהם געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער געזאגט ווייל ס'איז אזא געדרענג און ער וויל טרונקען. האט רבי יוחנן איהם געענטפערט: "דו ווייסט נישט, מיין קינד? ווען מ'וויל - איז גוט ניט צו טרונקען"!..

דער זיידע ז"ל פלעגט דאס אלעמאל נאכזאגן, אז דוקא ווען "מ'וויל" איז גוט נישט צו טרונקען...

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** ס'איז א גרויסע עבודה געווען. מ'דערציילט אז מ'האט אנגעטוהן די קינדער אינעם רוז'ינער הויף מיט אזעלכע קיכאלעך אויף די הענט, אז ווען זיי וועלן זיין הונגעריג זאלן זיי אראפנעמען אזא בייגאלע און עסן. האט מען געטראפן א קינד [הרה"ק רבי מרדכי שרגא מהוסיאטין זי"ע] וואס האט געוויינט. האט מען איהם געפרעגט: וואס וויינסטו? האט דאס קינד געזאגט: "כ'וויל איצטער עסן אזא בייגאלע, אבער דער טאטע האט געזאגט אז ווען ס'גליסט זיך זאל מען נישט עסן".

**אדמו"ר שליט"א:** יא, דאס איז די זעלבע בחינה. ס'איז אינטערעסאנט אז מ'האט דאס שוין אנגעהויבן מחנך צו זיין אין אזעלכע יונגע יארן אויך, ווייזט אויס אז מ'האט געוואלט אז ס'זאל בלייבן א חקיקה!..

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** מ'האט דאס שוין איינגעוואוינט פון קליינערהייט.

**אדמו"ר שליט"א:** חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה (משלי כב, ו). באמת דער דעת איז מער ווען מ'איז עלטער, אבער אז ס'זאל בלייבן א 'חקיקה' איז מער ווען ס'איז פון די יונגע יארן. דעמאלס בלייבט עס א שטארקערע חקיקה.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** הרה"ק רבי הלל קאלאמייער זי"ע איז געקומען צום סאדיגורער רבי'ן זי"ע אויף א באזוך. ווען ער האט זיך געדרייט דארט אין הויף, האט ער געזעהן די יונגעלייט וואס האבן זיך געדרייט ביים סאדיגורער רבי'ן. פרעגט ער זיי: אייער רבי גיבט זיך אפ מיט אייך? האבן זיי געזאגט אז מ'קומט און מ'הערט ווי ער רעדט. איז רבי הלל אריינגעגאנגען צום רבי'ן און ער פרעגט איהם: "כ'האב פארשטאנען פון די יונגעלייט אז איהר גיבט זיך נישט אפ עקסטער מיט יעדן פון זיי".

האט דער סאדיגורער רבי איהם געזאגט: "כ'לערן זיי אויס צו עסן, און אז מ'עסט ווי א איד איז מען אינגאנצן ווי א איד". האט רבי הלל שפעטער דאס מפליא געווען, און ער פלעגט דאס איבער'חזר'ן.

**אדמו"ר שליט"א:** אמאל האט מען דאס אויסגענוצט אויף א פארקערטן ענין אויך: פון די מוטער'ס צד איז דער טאטע ז"ל געווען אן אייניקל פון הרה"ק רב ייבי מאוסטראה זי"ע. זיין אייניקל דער צווייטער רבי יעקב יוסף מאוסטראה זי"ע האט געהאט א זוהן הרה"ק רבי אליקים געציל מאוסטראהה זי"ע, און דער זיידע [מרן מהר"ד] ז"ל איז געווען אן איידעם ביי איהם.

אמאל פאר תקיעת שופר האט רבי אליקים געציל זיך פארהאלטן א לענגערע צייט, און שפעטער ווען ער איז אריינגעקומען האט ער געמאכט אן הקדמה און ער האט דערציילט פאר'ן עולם א סיפור: פארצייטנס איז דאך געווען נישט אזא הרחבה, און ווען ער איז געווען גאר א קליין קינד האט דער פאטער הרה"ק רבי יעקב יוסף געטיילט צוקערליך פאר די קינדער. האט זיך געמאכט נישט איינמאל אז ס'איז נישט געווען גענוג פאר יעדן איינעם, האט איהם דער פאטער כסדר געזאגט: "געצאלע, דו ביסט דאך א חכם, און א חכם איז מוותר". האט ער מוותר געווען.

אזוי איז געווען א צווייטע מאל און א דריטע מאל וואס ס'איז נישט אויסגעקומען גענוג, און וויבאלד ער איז געווען א בר דעת האט מען איהם אביסל באזייטיגט... דער פאטער האט איהם ווייטער געזאגט: "געצאלע כ'האב דיר שוין געזאגט, דו ביסט דאך א בר דעת, און א בר דעת איז מוותר". ער איז געווען א קינד פון פיר-פינעף יאר און ס'איז אזוי געווען איינס נאכ'ן אנדערן, האט ער זיך אנגערופן צום טאטן: "יא כ'פארשטיי, אבער אפשר איז כדאי אמאל נישט צו זיין אזא גרויסער בר דעת, און מ'זאל מיר גיבן וואס ס'קומט זיך מיר!"...

דעם סיפור האט ער דערציילט פאר תקיעת שופר, און נאכדעם איז ער צוגעגאנגען צו די תקיעות... ער האט געזאגט פאר'ן טאטן: "נאך אזויפיל מאל מוותר זיין, אפשר איז כדאי אמאל צו זיין נישט קיין בר דעת אבער כ'זאל באקומען דאס וואס ס'קומט זיך מיר". מסתמא איז דאס געווען אן ארבעט וואס ער האט געדארפט האבן פאר תקיעת שופר.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** ער האט געוואלט מעורר רחמים זיין.

**אדמו"ר שליט"א:** מ'האט געשמועסט אז פאר משיח'ן זאל אויך זיין גוט פאר אידן...

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** נאך אזא סיפור האבן שוין אלע אויך געוואלט זיין א בר דעת, נאכדערצו פאר די תקיעות..!

**אדמו"ר שליט"א:** אבער דער פשט איז אז מ'דארף דאך האבן דאס וואס מ'דארף אויך.

וועגן די 'תקיעות' - דער טאטע ז"ל האט מיר אמאל דערציילט, אז ביי זקה"ק רבי איציקל סקווערער זי"ע איז געווען אמאל אז די תקיעות האבן זיך שטארק פארהאלטן, און נאכ'ן דאווענען האט מען פארשטאנען אז ס'איז געווען עפעס אן ענין וואס ער האט געדארפט ממתיק זיין. האט איינער פון די קינדער, צי איינער פון די חסידים די בעלי דעת, געפרעגט וויאזוי ער האט זיך אן עצה געגיבן. האט רבי איציקל סקווערער געזאגט מיט א פשטות: "אינעם זוהר וואס מ'זאגט פאר תקיעת שופר שטייט (רעי"מ ח"ג צט:) 'ואף על גב דקוב"ה רחים ליה לדינא כמא דאת אמר (ישעיה סא, ח) כי אני ה' אוהב משפט, נצח רחימוי דבנוי לרחימו דדינא' - מיט דעם זוהר האב איך זיך אן עצה געגיבן".

דאס הייסט אז כאטש דער אייבירשטער איז דאך אוהב משפט, איז דאך דא 'רחימו דדינא' אויך, אבער דער אייבירשטער איז דאך 'כרחם אב על בנים' אויך. זאגט דארט דער זוה"ק אז 'נצח רחימוי דבנוי לרחימו דדינא', די רחימו דבנוי דארף מנצח זיין! מיט דעם זוהר האט ער זיך אן עצה געגיבן...

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** ס'איז שוין צייט!

**אדמו"ר שליט"א:** 'כי עת לחננה (תהלים קב, יד)'.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** ס'איז דאך א חודש פון שמחה אויך, גאנץ אדר.

**אדמו"ר שליט"א:** כ'האב היינט פריער געזאגט בפשטות, אז 'משנכנס אדר מרבין בשמחה' איז דאך א גמרא (תענית כט.) און ס'איז גע'פסק'נט אין שו"ע (מג"א או"ח תרפו, ה). נו אויב א איד וויל מקיים זיין דעם שולחן ערוך איז ער דאך א 'בא ליטהר', מעג ער בעטן דעם אייבירשטן אז 'מסייעין אותו (שבת קד.)', אז דער אייבירשטער זאל העלפן ער זאל קענען מקיים זיין דעם שו"ע נישט מיט קיין נסיונות..!

והזכיר רבינו בשם הספה"ק שע"י שמחה ממתיקים את הדינים וממעטים בחינת 'אב' וע"י שמחה מרבין בחינת 'אדר'. והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה' (מ"ב ג, טו).

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** דער רבי פון לובלין זי"ע זאגט אז 'משנכנס אדר מרבין' איז מען מרבה די קדושה, 'בשמחה' מיט שמחה.

**אדמו"ר שליט"א:** ס'איז די זעלבע זאך. ס'שטייט דאך פון הרה"ק רבי אהרן קארלינער זי"ע אז אויב די שמחה איז אויף א גוטן אופן איז דאס גרעסער פון אלעס. ס'שטייט אין שארית ישראל און אין אנדערע ספה"ק אויף עה"פ (ישעיה נה, יב) 'כי בשמחה תצאו', אז מיט שמחה גייט מען ארויס פון אלע עגמת נפש'ן.

כ'פלעג אייביג זאגן אז דער ענין פון 'מרבי"ן בשמחה' מוז לכאורה זיין א רוחניות'דיגע שמחה, ווייל די אלע גשמיות'דיגע שמחות ווי אכילה ושתיה און אנדערע זאכן ווערט אלעמאל נתמעט... ווען מ'האט עס שוין געהאט איינמאל און נאכאמאל, קען מען עס נאכדעם שוין נישט אנקוקן... אבער ביי א שמחה של מצוה איז 'כל זמן שממשמש בו מוצא בו טעם (עירובין נד:)'. אין דער חודש איז געווען 'הדור קבלוה (שבת פח.)', האט מען געקענט מקבל זיין די תורה מיט שמחה.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** ווען משיח וועט קומען וועט מען זוכה זיין צו הערן מפי הקב"ה אליין!

ווען דער סאטמארער רבי זצ"ל איז געווען דאס לעצטע מאל אין ארץ ישראל, ביים אהיימפארן האט זיך דער שיף פארהאלטן, [ער איז דאך געפארן נאר מיט א שיף], און מ'האט איהם געמוזט גיבן עפעס א צימער צו ווארטן. איז הגה"צ ר' אשר זעליג מרגליות זצ"ל אריינגעגאנגען דארט צום רבי'ן און ער זאגט איהם: "דער רבי זעהט דאך אז מ'האלט איהם אויף, אפשר דארף שוין משיח קומען. נו אפשר בלייבט איהר שוין דא". האט דער סאטמארער רב איהם אנגעכאפט מיט ביידע הענט דעם ארעם און ער זאגט איהם: "ר' אשר זעליג, דו ווייסט דאך אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט, אז 'דער לעצטער גלות וועט זיין אין אמעריקא, און פון דארט וועט משיח קומען'! ווי איינגענעם וועט זיין די נסיעה צוזאמען מיט משיח!"...

**נכדו הרב אפרים פישל וואגשאהל שליט"א** מנהל מפעל חק לישראל העולמי: אז דער זיידע איז יעצט דא פאַר ער פארט אהיים, אויב די צדיקים וועלן פועל'ן אז משיח וועט קומען, ווי איינגענעם וועט זיין די נסיעה ווען מ'וועט אהיימפארן קיין ירושלים מיט משיח'ן צוזאמען..!

**אדמו"ר שליט"א:** יא, 'אחכה לו בכל יום שיבוא', זאל דער אייבערשטער העלפן.

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** האב איך געטראכט אז כאטש דער סאטמארער רב איז נסתלק געווארן נאכדעם, אבער כ'האב געזעהן אין 'ילקוט מעם לועז' (סו"פ בא) אז ער ברענגט אראפ די באוואוסטע קשיא על מאחז"ל (ירושל' יומא א, א) כל שלא נבנה בית המקדש בימיו כאילו נחרב בימיו, ס'זענען דאך געווען אזעלכע גרויסע צדיקים, תנאים ואמוראים, ראשונים ואחרונים, ווי קען דאס זיין? ברענגט ער פון די ראשונים אז ס'איז דא א מספר פון תפילות וואס מ'דארף מתפלל זיין אויף די גאולה, און אז ס'וועט זיך אנפולן דער מספר וועט זיין די גאולה. אבער דאס דארף מען מתפלל זיין מיט כוונה!

ממילא די גרויסע צדיקים די תנאים ואמוראים האבן מתפלל געווען בכוונה, האבן זיי טאקע מקרב געווען די גאולה און זיי האבן שוין יא געבויט דעם בית המקדש בימיהם; משא"כ די וואס האבן נישט אינזין האבן זיי נישט צוגעהאלפן בויען, ביי זיי איז 'כאילו נחרב בימיו'. פירט ער אויס נאכדעם, אז די אידן וואס האבן יא אינזין געהאט וועלן זיי אויפשטיין תחיית המתים נאך פאר די גאולה "און זיי וועלן זעהן די גאולה".

אזוי שטייט אין זרע קודש (תצא) אויך, אז יעדער איד מיט זיינע מעשים טובים בויט דעם בית המקדש[א].

**אדמו"ר שליט"א:** דער מאור עינים אין פרשת פינחס ברענגט אויך פונעם בעל שם ז"ע, אז יעדער איינער האט א חלק פון משיח וואס ער דארף מתקן זיין, און אז ער איז דאס מתקן איז עס מקרב די גאולה[ב].

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** האב איך געטראכט אז די רביצין ע"ה איז אויך געווען פון די אידענעס וואס האבן מכוון געווען מיט זייערע תפילות אויף די גאולה. דארף זי שוין אויפשטיין תחיית המתים, ווייל דאס וועט נאך זיין פאר די גאולה!

**אדמו"ר שליט"א:** ווען דער אייבערשטער וועט העלפן און ס'וועט זיין, וועט דאך עס זיין אויף די גאנצע וועלט!

**האדמו"ר ממשכנות הרועים:** מ'דארף זוכה זיין.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ס'איז נישט לייכט. כ'האב אפאר מאל נאכגעזאגט [בימי השבעה] אז ווען הרה"ק רבי מאטעלע קארשובער זי"ע האט געהאט אזא ענין ל"ע, האט ער בפשטות געטייטשט דעם פסוק (איוב א, כא) ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך, 'הוי"ה נתן' בשעת די נתינה ווען די נשמה ווערט געבוירן איז דאך א בחינה פון הוי"ה, או אינמיטן איז געווען 'והשם לקח' ווייל ס'שטייט דאך (ב"ר נא, ב) אז כל מקום שנאמר וה' איז עס הוא ובית דינו, איז עס געווען אביסל אזוי ח"ו, אבער אויף להבא בעהט מען דעם אייבירשטן 'יהי שם הוי"ה מבורך', אויף ווייטער זאל טאקע זיין נאר א בחינה פון הוי"ה. ס'זאל זיין 'הראינו השם חסדך'.

**וכיבדו מרן אדמו"ר שליט"א בפירות.**

אדמו"ר שליט"א חילק תפוחים לנלווים אליו באמרו: 'נמשלו ישראל לתפוח (שבת פח.)'... מ'זאגט נאך פונעם מיטעלן בעלזער רב זי"ע אויף די גמרא 'למה נמשלו ישראל לתפוח? מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע', אז יעדע אתערותא דלתתא איז דאך גורם אן אתערותא דלעילא. דער באבדיטשובער רב זי"ע [קדושה שני' לפורים] ברענגט דאך פונעם בעל שם ז"ע עה"פ (תהלים קכא, ה) 'השם צלך', אז דאס וואס א איד טוהט דא ווערט נתעורר אויבן אויך אזוי.

וויבאלד אידן האבן געמאכט אן אתערותא דלתתא מיט'ן מקדים זיין נעשה לנשמע, איז דאס מעורר ביים אייבירשטן כביכול אויך די בחינה פון 'טרם יקראו ואני אענה (ישעיה סה, כד)'.

---

א. וזל"ק הרה"ק מראפשיץ זי"ע ב'זרע קודש' שם (ד"ה כי תבנה): "על פי מה שפירשתי 'ובנה אותה בקרוב בימינו בנין עולם', ש'בונה ירושלים השם (תהלים קמז, ב)', ובמה בונה אותה? 'בימינו' ע"י הימים שלנו **שבכל יום כשאדם עובד אותו ית' הכל לפי מעשיו בונה את ירושלים ובית המקדש. יש בונה ביום אחד שורה שלימה ויש מניח למשל לבינה אחת, כן בונה האדם מישראל שעובד ד' בכל יום עד שיהיה נבנה בשלימות במהרה בימינו.**

"וכן שמעתי מהרב הקדוש מו"ה אלימלך זצ"ל שכשעלה עליות נשמה ראה שנושאים את כלי הבית המקדש ואמרו לו שהם אותם הכלים שהוציא הוא מהגלות. ופעם אחת אמר שנפלה בית טומאה אחד בצורה וגדולה מאד, ובכל יום עולים אלפי אלפים בעלי מלאכות בנאים לבנות החומה, אבל יש לנו שומר טוב שכשהרב מוה' יעקב יצחק מלאנצוהט מתפלל תפילת י"ח מתפילת מנחה מפיל כל מה שבונים. והבנתי מדבריו הקדושים שמפיל זה על ידי שע"י **תפלתו בונה חומות ירושלים ובית המקדש, ולפי ערך שבונה חומות ירושלים לפי ערך זה מפיל בהבית הזה של טומאה כי כשזה קם זה נופל**".

ב. וזל"ק במאו"ע שם (ד"ה במדרש): "כמאמר הבעל שם טוב נבג"מ **שצריך כל אחד מישראל לתקן ולהכין חלק קומת משיח השייך לנשמתו**, כנודע שאד"ם הוא ר"ת א'דם ד'וד מ'שיח, שקומתו של אדם הראשון מסוף העולם ועד סופו היה, שהיו כלולין בקומת אדם הראשון כל הנשמות של ישראל, ואח"כ על ידי החטא נתמעטה קומתו. **וכמו כן יהיה משיח קומה שלימה מכל נשמות ישראל כלולה מס' ריבוא כמו שהיה קודם החטא של אדם הראשון, ע"כ צריך כל אחד מישראל להכין חלק בחינת משיח השייך לחלק נשמתו עד שיתוקן ותכונן כל הקומה ויהיה יחוד כללי בתמידות ב"ב**. וכל זה הוא על ידי יחוד המחשבה והדבור" יעו"ש.

ואיחל **האדמו"ר ממשכנות הרועים:** דאז"ה אריכות ימים ושנים טובים מיט לאנגע געזונטע יארן, קענען פירן די עדה הקדושה על מי מנוחות, און אז דער רבי וועט קומען מיט משיח'ן וועלן מיר מקבל פנים זיין בקרוב!

**ובירכו מרן אדמו"ר שליט"א:** אמן, אמן, דאז"ה פאר אייך אויך מ'זאל קענען מרביץ תורה זיין און מקרב זיין לב ישראל לאביהם שבשמים, די תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון אי"ה, און מ'זאל זיך זעהן מתוך שמחה מיט הרחבת הדעת, בשורות טובות און סיעתא דשמיא. ונפרדו לשלום.

**❋ תוכן השיחה בביקורו של כ"ק האדמו"ר מנאראל שליט"א אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ביום ראשון פרשת ויקהל העעל"ט אחר שחרית:**

**אדמו"ר שליט"א** התעניין בשלומו ובמצב בריאות עיניו וכו' ואמר: ס'איז א חודש פון 'ליהודים היתה אור"ה', זדא"ה.

**האדמו"ר מנאראל:** ב"ה מ'זעהט זיך. דער רבי זאגט קדיש כ"א אדר [יארצייט הרבנית בתיה רוחמה ע"ה אשת הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע בזיוו"ר]?

**אדמו"ר שליט"א:** וואספארא שאלה, ס'איז ליידער בכלל נישטא קיין אנדערע אייניקל.

**האדמו"ר מנאראל:** ס'נישטא קיין אנדערער, דער רבי איז דער איינציגער אור-אייניקל. כ'האב געהערט פון דעם רבינ'ס מאמע [הרבנית טראני ע"ה], אז הרה"ק רבי אהרן טשערנאבלער זי"ע האט אזוי אפגעהיטן דאס אייניקל בתיה רוחמה, אז ער פלעגט שיקן מ'זאל זעהן די וועטער אינדרויסן צו וויסן וויאזוי זי זאל גיין אנגעטוהן, ווארעם צי קאלט.

**אדמו"ר שליט"א:** דער פעטער ז"ל פלעגט כסדר זאגן ביי די יארצייט, אז ס'איז דער יארצייט פונעם ר"ר אלימלך זי"ע און פון די מאמע ע"ה, און "גרויסע אידן האבן אויף איר געזאגט גרויסע דיבורים".

**האדמו"ר מנאראל:** יא, דאס האב איך אויך געהערט ביים טיש פונעם רב ז"ל. איינמאל האב איך געהערט אז דער רב ז"ל האט דאס געזאגט אויך אויף די באבע הרבנית רבקה מ-רים ע"ה, די מיטעלער רביצין, אז "גרויסע אידן האבן אויף איר געזאגט גרויסע דיבורים".

**אדמו"ר שליט"א:** איר זאגט וועגן די וועטער - ס'איז לעצטנס ארויסגעקומען בריוון פון די מאמע [הרבנית טראני ע"ה] וואס זי האט געשריבן ווען זי איז געווען אין ארץ ישראל א משך זמן פון אפאר חדשים.

**האדמו"ר מנאראל:** כ'בין דאך דארט געווען דעמאלס בשעת מעשה, כ'האב באגלייט די גאנצע נסיעה... זי דערמאנט דאך מיך אין די בריוו[ג].

ג. ראה בטאון 'אורות' (טבת תשפ"ד) העתק מכתב הרבנית טראני ע"ה מיום ג' חיי שרה תשי"ב: "אלע פרייען זיך זייער מיט מיר, זעהענדיג די שמחה פון דודי ההצה"ק שליט"א. **בעריש נאראלער זאגט מיר היינט מיט שמחה אז איך האב גוט צוגעטראפן מיט מיין קוממען**". וכן מוזכר בהמשך המכתבים.

**בית מדרשנו ותפארתנו החדש דשיכון סקווירא / מפעל שקל הקודש דחסידי סקווירא**

~ ברכות יעלו לראש משביר ~

ברכות והודאות מקרב ולב אעלה, ברגשי ידידות והערכה גדולה, למכובדי העסקן והנדיב המרומם איש המעלה, טוב לבו הזהב בפז לא יסולא, בר אוריין מדע וחכמה מלא, עתיר מעש נלהב ומופלא, מקים עולה של תורה וחסידות, עושה חסד לאלפים ואציל המידות, בכל קדשי בית סקווירא לו עשר ידות

**כש"ת מוה"ר יעקב יוסף יששכרוף הי"ו** - בעל אכסניית הקודש בלונדון ומגדולי תומכי ביהמ"ד ושקה"ק

**לרגל השמחה במעונו בנישואי בתו החשובה שתחי' עב"ג החתן המצוין בתוי"ש כמר מרדכי הכהן אסט שי' ונכד למכובדנו הדגול הרב חיים יהושע אסט שי' מתומכי בית סקווירא ומעסקני מסע הקודש ללונדון למזלא טבא**

**ידידי עוז ר' יעקב יוסף! בלב נרגש והומה השקט לא אוכל מלהביע רגשי הוקרה והתפעלות על איתן אהבתך ועיזוז התקשרותך לכ"ק רבינו שליט"א ולכל מפעלות קדשו כעמוד התווך ביד רחבה ורוח נדיבה זה עשרות בשנים לטובה**

זכות מעשיו הכבירים לצדקה וחסד ורב פעלו, יעמוד לו ולביתו ולכל אשר לו, ואך ששון ושמחה ישמע באהלו, מתוך רוב תענוג ונחת מכל יו"ח היקרים, בבריות גופא עושר וכבוד בלי מצרים, עדי נאוו רגלי מבשר בראש ההרים.

ידידך עוז השמח בשמחתך ומאחל בכל לב: יעקב שלום בער פישל - בשם ועד הקמת הבית והנהלת שקה"ק

**אדמו"ר שליט"א:** יא, טאקע אזוי! כ'געדענק אז מ'האט עס מיר פארגעליינט, דערמאן איך זיך...

יעדן טאג האט זי געשריבן, און ס'זענען דא דארט פלאימ'דיגע זאכן וויאזוי דער פעטער ז"ל האט נישט מסיח דעת געווען פון איר קיין מינוט, טאמער זי איז נישט אנגעקומען אין צייט וכדו'. שרייבט זי דארט אויך, אז כ"ב חשוון איז זי אויך געווען דארט און זי האט זיך עפעס נישט גוט געפילט, האט דער פעטער ז"ל איר באפוילן אז ס'איז קאלט און זי זאל נישט גיין אין ביהמ"ד... האט זי געהאט גרויס חלישות הדעת פון דעם, איז זי אריינגעקומען און זי האט זיך געבעטן: כ'בין פונקט דא כ"ב חשוון דעם זיידנ'ס יארצייט און דער פעטער דאוונט פאר'ן עמוד, זאל איך נישט קומען אין ביהמ"ד? זי האט זיך שטארק געבעטן, ביז דער פעטער ז"ל האט שפעטער מסכים געווען זי זאל קומען, אבער "זי זאל זיך אנטוהן ווארעם און מ'זאל איר גיבן א בענקל צו זיצן", אז זי זאל נישט דארפן שטיין...[ד]

**האדמו"ר מנאראל:** הגה"צ ר' אהרן מרדכי רוטנער ז"ל האט מיר געזאגט, אז איידער די מאמע ע"ה איז אריינגעקומען האט דער רב ז"ל געגיבן א פאטש מיט די הענט: "איך בין דאך איר אן אייגענער פעטער!".

**אדמו"ר שליט"א:** איהר האט דאס געהערט פון ר' אהרן מרדכי'ן? ער איז געווען א דייקן.

די מאמע ע"ה האט מיר דעמאלס דערציילט, אז טאמער זי איז אוועקגעפארן איז נישט געווען קיין מנוחה ביים פעטער ז"ל ביז זי איז צוריקגעקומען!.. האט ר' שלום פוגל ע"ה געזאגט: זי איז נישט קיין קינד, וואס האט דער רבי אזוי מורא?.. האט ער אויך געזאגט דעם לשון: "פארשטייסט נישט? דאס איז דאך אן אייגענע".

ס'איז דא א באקאנטע בריוו וואס הרה"ח ר' משה גבאי ז"ל האט געשריבן צום טאטן ז"ל, דאס ערשטע מאל וואס ער איז געווען ביים פעטער ז"ל אין ארץ ישראל אום תש"ט. ער איז אויך געווען א דייקן און ער האט מדייק געווען און געשריבן ממש יעדעס ווארט וואס דער פעטער ז"ל האט איהם געזאגט, דריי בלעטער האט ער געשריבן. שרייבט ער אז ווען ער האט דערמאנט וועגן דעם זיידן ז"ל דער אוסטילער רב, האט זיך דער פעטער ז"ל אנגערופן: "ער איז דאך געווען אן אייגענער שוואגער". ווייל נאר די איינע שוועסטער [הרבנית מאוסטילא ע"ה] איז געווען פון די זעלבע מאמע.

**האדמו"ר מנאראל:** איך האב איר דעמאלס געברענגט דעם "טשערנאבלער מגיד'ס שטעקן", ווייל דער רב ז"ל

---

ד. ראה בטאון 'אורות' (שם) העתק מכתב הרבנית טראני ע"ה מיום ג' חיי שרה תשי"ב: "נאכן דאווענען נאכן גוט שבת זאגן, **האט ער אריינבעפוילן מיט א בחור אז מען זאל ניט ארויסגיין צום דאווענען ווייל מען דאווענט אין שאטער.** איהר ווייסט דאך אז ער האט תמיד מורא פאר א פערקילונג. אבער **איך האב ניט געהאט קיין חשק צו פאלגן, ווייל דודי ההצה"ק שליט"א האט אויך גידאווענט קבלת שבת.** אבער דא גייט ניט קיין מעשיות, דער בחור איז אריינגעגאנגען צו דודי ההצה"ק שליט"א און האט געזאגט אז **איך וויל אומבעדינגט גיין הערן דאס דאווענען. אויב אזוי האט ער שוין מסכים געווען, נאר איך זאל מיר אנטון דעם מאנטל און מען זאל מיר ארויסגעבען א בענקל".**

~ ידין ידין - יורה יורה ~

בהנאה וקורת רוח יתירה, נביע מיטב איחולינו בשפה ברורה, לתרי גיסי למדנים חשובים ונודעים לתפארה, שוקדים בתורה ולנים בעמק ההלכה הסלולה, זורעים וקוצרים פרי עמלם ברוב סגולה, יומם ולילה, מוכתרים בכל מדה ומעלה

**כש"ת הרב יחיאל מיכל** בריי"י **אייזנבערג שליט"א** - ממצוייני לומדי כולל חו"מ דפה

**שבא ותלמודו בידו בעמדו בכור המבחן בהצטיינות על חצי שו"ע חושן משפט אחר שש וחצי שנות עמל ויגיעה אצל הגרי"צ איינהארן דומ"ץ בית שמש, הגרי"מ קעניג אבד"ק יאקא, הגרמ"ז זילבער גאב"ד פריימאן, הגר"א ראזען חבר בד"צ טארטיקוב והגרי"י ברוינשטיין מדייני מכון להוראה / וכל זה בנוסף לשקידתו הרבה יומם ולילה ובקיאותו בכל הש"ס**

והשני בדומה לו **הרב אברהם בנימין ביינוש ליכטער שליט"א** - ממצוייני לומדי כולל הוראה דפה

**שבא ותלמודו בידו וזכה להתעטר בנזר ההוראה 'יורה יורה' אחר שקידה רבה של למעלה מארבע שנים ונבחן הל' טריפות, מליחה, בשר וחלב ותערובות, אצל הגאוה"צ חברי הבד"צ דשיכון סקווירא שליט"א, ובפרטות אצל ראש משפחתינו הגאון ר' וועלוול דיין שליט"א אשר טייל עמו ארוכות וקצרות והפליא את בקיאותו הפלאית בכל המקצועות**

**עליכם גאוותנו ואתם לכבוד ולתפארת לכל המשפחה! כולנו שמחים בשמחת תורתכם!**

ויה"ר שיעלו ויצליחו יפה וברה, בכל אשר יפנו לשם ולתפארה, וימלא ה' כל משאלות לבם בשמחה ואורה.

גיסיכם המאחלים בלב מלא שמחה: יצחק, יהושע חיים, משה גאלדמינצער, שמואל פאדווא, דוב בעריש, מענדיל קארן, אהרן, יוסף

גדול העונה חותנכם מוקירכם: יעקב בהגר"ן גאלדמינצער

האט איר געזאגט אז "נאר א מאן זאל עס ברענגען". ס'איז געווען א גאנצע מעשה ביז כ'האב געטראפן ביי וועמען דער שטעקן איז[ה]. ווען כ'האב געפרעגט פאר די גורער בחורים וואו 'דער ראחמיסטריווקער רבי' וואוינט, האבן זיי נישט געוואוסט ווער דאס איז... דארט אינדערהייך האט געוואוינט ר' פרויקע.

**אדמו"ר שליט"א:** יא, ער [ר' אפרים זלמן טווערסקי ז"ל] איז געווען איינער פון די קינדער פון הרה"ק רבי אברהם דוב מראחמיסטריווקא זי"ע. ער האט געהאט א גרויסע אחיזה אויף די ירושה פונעם זיידן הרה"ק רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער זי"ע.

**האדמו"ר מנאראל:** ער האט געהאט כמעט אלעס. האב איך געפירט דעם שטעקן פון ירושלים קיין תל אביב.

**אדמו"ר שליט"א:** ביים טאטן ז"ל האט דער שטעקן פונעם טשערנאבלער מגיד זי"ע געהאט א ספעציעלע חשיבות! ער האט עס באהאלטן אין אן עקסטערן פלאץ, ס'איז געווען ביי איהם שטארק. ס'האט אויבן א זילבערנעם קנאפ, נישט קיין הענטל.

**האדמו"ר מנאראל:** יא, דער רבי האט דאך עס היינט.

דאס איז נישט באוואוסט אבער כ'געדענק, אז דער רב ז"ל האט אויך געפרעגט די מאמען הרבנית ע"ה, צי דער טאטע מרן ז"ל ליינט די מגילה די צוויי מוצאי שבתים פאר פורים.

**אדמו"ר שליט"א:** אין בעלזא איז דאך געווען א מעשה מיט דעם... צוויי וואכן פאר פורים פלעגט מען ביי אונז מוצש"ק ליינען די מגילה אין א חומש. ווען דער טאטע ז"ל איז געזעסן קעסט דארט, ווייזט אויס אז עמיצער האט פאר'מסר'ט אז דער טאטע ז"ל ליינט די מגילה מוצש"ק פאר פורים. האט דער עלטער זיידע ז"ל דער בעלזער רב אריינגערופן דעם טאטן ז"ל און ער האט איהם געפרעגט צי ס'איז אמת, און ער האט איהם געפרעגט א מקור צו דעם. האט דער טאטע ז"ל איהם געזאגט: "דער טאטע ז"ל האט אזוי געטוהן, און כ'מיין אז ס'איז א מסכת סופרים".

שפעטער ווען מ'איז אריינגעקומען זאגן 'גוט שבת' וכדו' ווען דער גאנצער עולם איז געווען דארט, די קינדער און די אייניקלעך, האט דער עלטער זיידע ז"ל איהם געזאגט: "יא, ביסט גערעכט! כ'האב נאכגעקוקט אין מסכת סופרים און ס'שטייט טאקע אזוי". דער טאטע ז"ל פלעגט דאס אייביג מפליא זיין, ווייל ער האט דאך עס נישט געמוזט זאגן ברבים...

איהר זאגט מיר יעצט אז דער פעטער ז"ל האט געפרעגט

ה. ראה בטאון 'אורות' (תמוז תשע"ח) השלמת הסיפור בשיחת-זכרונות רבת-הוד עם כ"ק האדמו"ר מנאראל שליט"א: "ווען די רביצין טראני ע"ה איז דא געווען אין ארץ ישראל וועגן דעם שידוך פון די ראחמיסטריווקער רביצין תליט"א, האב איך דעמאלס געלערנט אין ירושלים אין בעלזער ישיבה. די רביצין האט דאך דעמאלס אפגענומען די ירושה זאכן פון הרה"ק רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער זי"ע, און צווישן זיי איז געווען דער "שטעקן" פונעם טשערנאבלער מגיד זי"ע. האט דער בעלזער רב ז"ל איר אנגעזאגט אז דעם שטעקן זאל זי נישט פירן, נאר א מאן. געברענגט קיין אמעריקא האט עס ר' משה בטלן".

~ בה"ן שדעת"ו יפה וברה ~

בנעימים נפלו לנו חבלים, להביע מיטב הברכות והאיחולים, מעומק לבבנו ורגשותינו הנעלים, לבני/אחינו האברך הנודע בשמו הטוב בכל הגבולים, עוסק בתורה כחשיכה כאורה, מלא זיו ועוטה אורה, מצויין במדות תרומיות לשם ולתפארה, מטובי השקדנים והלמדנים, מופלג בהפלגת חכמים ונבונים, בעומקה של תורה והלכה עיניו כיונים

**כש"ת הרב יוסף מרדכי הכהן ראזנבערג הי"ו - משקדני האברכים בכולל הוראה דפה**

**לרגל עמדו בכור המבחן על כל שו"ע יו"ד ח"א אצל גדולי רבני ודייני אנשי שלומינו שליט"א - שהביעו התפעלות והשתוממות מגודל בקיאותו ורוחב בהירותו בכל סעיף קטן עד להפליא ועטרוהו בסמיכת חכמים "יורה יורה"**

**יקירנו ואהובנו הרב יוסף מרדכי שי'! מלאים אנו התפעלות והשתוממות מול שקידתך המופלאה בתורה בהתמדה ויגיעה עצומה וכעת שמחים אנו בהצלחתך! עליך גאוותנו ותפארת כל המשפחה! עלה והצלח מעלה מעלה!**

וזאת הברכה, ברגשי הערכה, להמשיך הלאה ביתר שאת, בלימוד התורה בכל עת, וללכת מחיל אל חיל, יומם וליל, ומלפני אבינו שבשמים יהי רצון, שיזכה לראות בנים ובני בנים בדרך ה' ירוצון, ובקרבת ה' ודעת אלוקים יחפצון.

*המאחלים ברגשי הוקרה: אביך אוהבך **דוב בעריש הכהן** / אחיך וגיסיך: **שמואל דוב קלצלניק, יעקב חיים לונגער, שמואל יעקב, יצחק ראזנבערג, אברהם ברוין, אברהם משה דוד, שמואל אויצקעוויטש, יוסף גרינוואלד, יודא שלמה אהרן, ברוך דוד ברוין***

ווענן דעם - פון דעם האב איך נישט געוואוסט...

**האדמו"ר מנאראל:** מ'ליינט טאקע פון א חומש, נישט פון א מגילה?

**אדמו"ר שליט"א:** ניין, נישט ממש פון א מגילה. די ערשטע וואך אין אדר ליינט מען ביז 'בלילה ההוא', און די צווייטע וואך פון 'בלילה ההוא' און ווייטער.

והזכיר רבינו עוד ממכתבו של רבי משה גבאי הנ"ל, על בקשת מהר"א מבעלזא זי"ע שיזכיר אותו לכ"ק מרן זי"ע שיוכל להתפלל בזמן תפילה 'גלייך ווי אלע אידן'.

**האדמו"ר מנאראל:** מיין טאטע [הגה"צ ר' חיים מאיר יחיאל שפירא זצ"ל גאב"ד נאראל] האט אמאל געהערט בייגאכט אין הולושיץ, ווי דער רב ז"ל האט געזאגט: "אה, דער אייבירשטער זאל העלפן אז מארגן אינדערפרי וועט מען קענען דאווענען גלייך ווי יעדער איד". מיין טאטע האט געזאגט אז מ'האט געמיינט אז ער גייט זאגן אז "מ'גייט מקבל זיין משיח"..!

**אדמו"ר שליט"א:** "גלייך ווי יעדער איד" איז געווען ביי איהם א גרויסע זאך.

**האדמו"ר מנאראל:** מ'האלט דאך ביי אונז אינמיטן שבע ברכות [לנישואי נכדתו] - ס'איז געווען ביים רבי'ן דער מנהג פון 'שלייער געלט'? ביי מיין מאמע'ן ע"ה איז דאס געווען זייער שטארק.

**אדמו"ר שליט"א:** ביי אונז רופט מען עס 'לאסטשענען געלט', אבער יא ס'איז געווען דער מנהג. מ'האט געזאגט אז ס'גייט פאר די כלה פאר די צירונג. די מאמע ע"ה האט מיר געזאגט, אז דער עלטער זיידע ז"ל דער בעלזער רב האט איר אמאל געזאגט, אז "אויב א כלה שערט זיך אפ אינגאנצן ווי ס'דארף צו זיין, איז עס א בחינה פון א קרבן".

כ'האב נישט געהערט מקשר זיין דיביידע זאכן אבער כ'טראכט נאר ביי מיר, אז ווען מ'האט נאכגעקוקט אין אן אלטן 'דיקשאנערי' וואס ס'הייסט 'לאסטשענען', האט מען געזעהן אז דאס מיינט 'פיוס', אז מ'איז מפייס. קען זיין אז אויב דער עלטער זיידע ז"ל האט שוין דעמאלס אין זיינע צייטן געדארפט דאס משבח זיין אז ס'איז אזויווי א "קרבן", קען זיין אז דאס לאסטשענען איז געווען כאילו א פיוס אויף דעם, און דערפאר האט מען געזאגט אז ס'גייט בדוקא פאר די כלה..!

**נכדו הרה"ג ר' יצחק אייזיק שפירא** מבד"צ הוראה ומשפט לענייני אישות: ס'איז דא א 'ספר זכרון' פון די שטאט בעלזא, און דארט זעהט מען אז דאס איז געווען א נושא...

**וכיבדו מרן אדמו"ר שליט"א בפירות.**

**האדמו"ר מנאראל** הציג את אחד ממשמשיו שזכה עוד לשמש את אביו הגה"צ זצ"ל וכיום עומד לימינו 'טוועניטי-פאר סעוון' ווי מ'זאגט אויף ענגליש... ואמר רבינו: ב"ה די 'גדולה שימושה' מעג מען טוהן שבת אויך, דאס איז א קידוש פון שבת, נישט קיין חילול שבת ח"ו..! ס'איז טאקע א זכות!

~ ויגש יעק"ב וישק את הצאן ~

שירות ותשבחות נלהבות, מעומק ורום הלבבות, בשמחות וגיל משולבות, אמע"כ המגי"ש הנערץ והנודע רב תבונה, מרביץ תורה ומשפיע חסידות באמונה, רב פעלים לתורה ולתעודה בכל עת ועונה, חיזוק הישיבה בוער בעצמותיו בלו"נ במסירות נאמנה, מסור לכל תלמיד ותלמיד בלב ונפש חפצה, במומחיותו ותבונתו נהנין ממנו תושיה ועצה

**כש"ת הרב יעקב יוסף** בר"מ **ברוין שליט"א** - מחשובי רמ"י הישיבה קטנה תוי"י במאנסי

**לרגל השמחה במעונו בנישואי בתו החשובה שתחי' עב"ג החתן המו"מ בתוי"ש כמר לוי יצחק בר"פ שווארץ ני"ו למז"ט**

**ובהאי עידן חדוותא נביע רגשי הכרת הטוב הומים על השיעורים הנאמרים בבהירות ובחיות,**
**ובמיוחד על התשובות המזוקקות והמקיפות שעונה לתלמידים ב'נאכט סדר' בטוב טעם ודעת**

בזכות רוב מסירותו לבני הכיתה וגודל פעלו, יה"ר שאך ששון ושמחה ישמע באהלו, לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה במעון זבולו, ויצליח להגדיל תורה וחסידות ולהאדירה, מתוך רוב שמחה ואורה, בריות גופא ונהורא.

תלמידיו כבניו בשיעור ג' בישי"ק המאוחלים בלב מלא הערכה: **אברהם ראזענבערג, אברהם דוד שווארץ, אליעזר אהרן שאנפעלד, ברוך אייזנבערג, ברוך אברהם ל. לאופפלער, ברוך אברהם ל. ראזענבוים, ברוך דוד נייטשאדט, ברוך נתן ישראל גרינבוים, בנימין יוסף וועבער, דוד פעלבערבוים, משה גרין, חיים אלי' רייכמאן, חיים ברוך הורוויץ, חנינא ליפא ראזענבערג, יחיאל מיכל שווארץ, מאיר שפיטצער, מרדכי יודא איינהארן, מנחם מענדל האכהייזער, מנחם מענדל לעפקאוויטש, משה חיים וואלאדארסקי, עמרם ליכטער**

ג"כ מצטרפים: **שמשון פרידמאן**-מג"ש ט'ין, **דוד ניסן פדווא**-משג"ח, **וועלוול טווערסקי**-רה"ח / גדול העונה: **לוי יצחק שפיטל**-מנהל

**האדמו"ר** הציג גם את משמשו הב' זלמן רינגל: ער איז א בחור א תלמיד חכם, ער איז אליין א משיב אין ישיבה קטנה אלכסנדר אין בני ברק - און ער איז מיט מיר בייטאג און ביינאכט. די רינגל משפחה שטאמען פון נאראל. ס'זענען דא ר' אנשיל רינגל און ר' משה רינגל. ואמר רבינו: 'גדולה שימושה (ברכות ז:)'! אין וויליאמסבורג האט געדאווענט ביי אונז הרה"ח ר' דוד רינגל ע"ה, ער איז אויך פון די משפחה'. [נכדו הנ"ל: יא, דער וואס האט געהאט דעם עקסידענט ל"ע].

ושוחחו עוד על המתפללים אצל מרן ז"ל באותם ימי בראשית, ואמר רבינו: אז מ'טרעפט זיך דערמאנט מען זיך אסאך גוטע זכרונות פון די ערשטע צייטן..!

**האדמו"ר מנאראל:** אמש במוצש"ק שרו 'המבדיל' לרגל השמחה כמנהג בעלזא, ונכדי החתן הרב אפרים אשר ברש"ד טווערסקי מתלמידי ישיה"ק שאל אותי איך מגיע הניגון לסקווירא, וחייכתי לעצמי שהרי אני לימדתי בשעתו את הניגון הזה ב'שבת שבע ברכות' של כ"ק האדמו"ר מרחמס"ט זצ"ל ומאז נשתרבב המנהג לשיר את זה בסקווירא. הרבנית טראני ע"ה כל כך נהנתה כששמעה את הניגון העתיק ששרו בבעלזא.

אסאך הקפה ניגונים וואס מ'זינגט היינט אין סקווירא שמחת תורה און ביים מצוה טאנץ וכדומה, קען איך זאגן אז איך בין געווען דער מייסד פון זיי... ס'נישט געווען קיין אנדערע ניגונים, נאר בעלזער ניגונים. אונז, די פאר בחורים וואס זענען דארט געווען, האבן דאס איינגעפירט: איך אבלחט"א, הרה"ח ר' משה ביגלאייזן און הרה"ח ר' חיים ברוך פינק ע"ה וכדומה.

**וסיפר עוד:** בבחרותי למדתי בישיבת חב"ד בבארא פארק והרה"ח ר' שמואל הורוויץ ע"ה מפאטיק משב"ק אדמור"י באבוב למד אז בישיבת מיר, וקבעתי עמו

---

**ו.** ראה מדור 'אור חיינו' בבטאון 'אורות' (אב תשע"ח) מעדות הרה"ג ר' אהרן שפירא שליט"א אבד"ק נאראל ב"ב: "כשנפטר הגה"ח ר' יאשע וואקס ז"ל שהיה קרוב משפחה להרבנית טראני ע"ה, הגיע כ"ק מרן זי"ע ביום כ"א אדר להשתתף בהלוייתו שיצאה מרחבת ה'בעלזער שטיבל' ברחוב ריטש סטריט באיסט-סייד מאנהעטן. בעמדו לפני השטיבל לחש אחד הנוכחים באוזני מרן ז"ל כי בתוככי ביהמ"ד מצוייר על אחד הקירות ציור נפלא של בית הכנסת העתיק שבבעלזא שהיה ידוע ביופיו והדרו. **הציור היה מעשי ידי אומן של הרה"ח ר' דוד רינגל ע"ה מיוצאי העיר נאראל.** אחר הלוייה נכנס מרן ז"ל לבעלזער שטיבל כדי לראות את הציור, ועמד שם זמן ממושך והתבונן על התמונה כאשר על פני קדשו ניכרו אותות השתוקקות לימים מקדם עת ישב 'קעסט' בעיר בעלזא.

"ועוד סיפור הקשור לציור הנ"ל: אחד מחסידי בעלזא שעבר את צרות ומוראות המלחמה ל"ע התרחק לאחר מכן ותעה ל"ע מדרך טובה. יום אחד נזדמן האיש לבעלזער שטיבל הנ"ל ונכנס פנימה, ובראותו את תבנית ביהכ"נ הקדוש והישן אחזו בו געגועים עזים לאותם ימים מאושרים עת שקד בתורה ועבודת ה' בבעלזא. הנוכחים ראוהו עומד ומביט בתמונה זמן רב ונחלי דמעות זולגות מעיניו. ככה בזכות הציור של ר' דוד רינגל התנוצצו הרהורי תשובה בלבו וחזר לכור מחצבתו לשמירת תורה ומצוות ולדרכי החסידות בכל עוז, ובהמשך נתקרב מאוד לבית סקווירא ועבד את ה' כראוי עד ליומו האחרון".

אגב: האדמו"ר מנאראל שליט"א הזכיר כעת את נאמן ביתו הב' זלמן רינגל לזיווג הגון וביקשו לומר את שמו ושם אמו, ואיחל לו רבינו פעמיים "נשיאות חן והצלחה", וכעבור יומיים עוד בהיותו בארה"ב הוצע לו שידוך והתארס למז"ט.


השליחות
של רבותינו הקדושים
קמחא דפסחא דשיכון סקווירא

קמחא דפסחא דשיכון סקווירא

מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע ובנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מיר האבן צו אייך א שליחות!

פאר נאענט צו אכציג יאר צוריק, ווען כ"ק מרן אדמו"ר זי"ע איז געקומען אויף אמעריקע, האט ער געלאזט רופן הרה"ח ר' זלקא קארן ז"ל, און אים אזוי געזאגט: מיינע זיידעס מיינע עלטערן זענען אליין ארום געגאנגען פאר קמחא דפסחא
**בעט איך אייך איר זאלט גיין אין מיין נאמען, אין מיין שליחות, פאר קמחא דפסחא!**

געוויס זאגן מיר אלע:
**"מיר ווילן זיין א חלק פון דעם שליחות, פאר כל דכפין פאר כל דצריך פון משפחת תושבי שיכון סקווירא"**

**המחכה לקבל פניכם ונדבותיכם בברכת חג כשר ושמח; ישראל חיים קארן**

ללמוד בחברותא בשעה שבע בבוקר לחזור על לימודי יו"ד שלמדנו אתמול. מרן ז"ל התגורר אז בב"פ והוא ביקשני לבוא עם החברותא שלי ר' שמואל וללמוד את סדר החזרה בשבע בבוקר אצלו בביהמ"ד כדי להשלים מנין לשחרית.

**נכדו הגרי"א שפירא הנ"ל:** ס'גייט כמעט נישט דורך קיין טאג וואס דער זיידע רעדט נישט פון די תקופה ביים רבי'ן ז"ל, און פון די תקופה וואס די סקווערער רביצין ע"ה איז געווען אין ארץ ישראל. וסיפר כי זקנו שליט"א היה מסופק אם לבוא לארה"ב עקב חולשתו ל"ע, וברגע שהחליט שהוא כן מגיע אמר מיד שרוצה לבוא לביקור אצל הרבי שליט"א בסקווירא.

**האדמו"ר מנאראל:** ס'קומט מיר נישט אהן לייכט, יעדע טריט קומט מיר אהן שווער ל"ע.

**אדמו"ר שליט"א:** פון דעם אז ס'קומט אהן שווער האב איך נישט הנאה, אבער פון דעם אז מ'איז געקומען האב איך יא זייער הנאה.

**האדמו"ר מנאראל:** דעם רבינ'ס מאמע ע"ה איז געווען ווי א שוועסטער צו מיין מאמע ע"ה. זי האט אמאל געזאגט פאר מיין מאמע'ן ע"ה: מיט צוויי רביצינ'ס רעכן איך זיך, פאר איינעם האב איך דרך ארץ [וזו היתה אמי הרבנית מנאראל ע"ה] און פאר איינעם האב איך מורא...

**והגיש האדמו"ר** פיתקא דרחמי ואמר: דער דיבעצקער רב [הגה"צ ר' מנשה מרילוס זצ"ל] האט דאך געגיבן דאס ערשטע קוויטל פאר'ן רב ז"ל, און בשעת ער האט געגיבן דאס קוויטל האט ער איהם געזאגט: "כ'האב געגיבן א קוויטל פאר אייער זיידן [מהר"י מבעלזא], און כ'האב געגיבן א קוויטל פאר אייער טאטן [מהרי"ד מבעלזא], און יעצט גיב איך פאר אייך און דער רב זאל אונז שוין פירן קעגן משיח צדקנו". דער רב ז"ל האט געהייסן דעם דיבעצקער רב ער זאל דאס נאכאמאל איבערזאגן.

זאג איך יעצט פאר'ן רבי'ן: מיין טאטע [הגה"צ מנאראל] ז"ל האט געגיבן א קוויטל פאר'ן זיידן דער אוסטילער רב ז"ל, און פאר טאטן דער רבי ז"ל און פאר'ן רבי'ן זאל זיין געזונט, און יעצט גיב איך א קוויטל און כ'וואונטש אז דער רבי זאל אונז שוין פירן קעגן משיח צדקנו.

**אדמו"ר שליט"א** התרגש מדבריו ואמר שזכות אבות יגן, ורמז שיחזור שוב על דבריו.

**האדמו"ר מנאראל** הזכיר את חולשת עיניו ל"ע וכו', והזכיר אודות פטירת בנו העסקן החשוב הרב אברהם יהושע העשיל שפירא זצ"ל, ושאל אם נהוג לעלות לקבר בן שנפטר ל"ע.

**אדמו"ר שליט"א** אמר שלא שמע מזה מאביו מרן ז"ל ואם בכלל היה שייך ללכת לקבר בתו הרבנית פיגא מלכה ע"ה בבוקרסט, כ'האב דאך אויך א טאכטער. אבל עדיף לשאול אחרים ואינו רוצה להכביד כי אצלינו לא הולכים כלל רק לקברי צדיקים, וזה לא דבר קל להציבור ובכל זאת מקיימים את המנהג. רק כשהולכים להזמין לפני חתונה ונכנס גם לאוהל אמו הרבנית ע"ה, ושם באוהל טמונה גם בתו הרבנית ע"ה.


קהל תולדות יעקב יוסף דחסידי סקווירא - בית שמש / בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יהוש"ע הוא העומד לפניך אותו חזק כי הוא ינחילנה את ישראל**

טללי ברכות לרוב ולרבבה, עולות ובאות בשפה ברורה ונדיבה, ומתוך רגשי ידידות ואהבה רגשי שמחה עולים וגודשים, בהדר והוד כולנו נרגשים, בברכה כנה ועמוקה אנו גשים, אל מעלת כבוד ידידנו המהולל בתשבחות

**כש"ת מוה"ר יהושע העשיל בוקסבוים הי"ו - מגדולי עסקני קהילתנו וארגוני החסד**

**ראש וראשון ועסקן נלהב יומם ולילה לכל צרכי קהילתנו ורווחת אנשי שלומינו בכלל, אם במסגרת 'קופת הקהילה' לחגים ומועדים, אם בייסוד והעמדת ארגון 'אחים לשמחה' לבעלי השמחה, וגם בכל עת ובכל שעה בכללות ובפרטות**

**וכחטיבה אחת לכלל פעולותיו נבחר ונתמנה בברכת ובהורמנא דמלכא ל"חבר מועצת העיר" בעירנו בית שמש ובזאת יהא ה' בעזרו לפעול ולעשות למען אחיו ורעיו, להטיב לכלל והפרט ולהרבות תורה ויראה בעיר, לעמוד לימין הצלחת ושגשוג מוסדות קהילותינו הק' הוותיקות וגם החדשות, ולבוא לעזרת כולם בכל הדרכים והאופנים**

**אמת מה נהדר ונאים הדברים להאי גברא יקירא החביב בעיני כל רואיו ומכיריו, והקרוב ללבם של כל יודעיו וידידיו, טוב לבו הזהב והרחב נודע בשערים, ועתה יוודע שמו לארץ ולדרים, במעשים לתושיה ובפועל ידיו להתברך ולקדש שם שמים ברבים**

משמים יסייעו בידו להשלים משאלת לבו ושאיפת קדשו להשלים משאלות לבב אחיו ורעיו, כאשר היתה באמנה איתו כל הימים והשנים, ובכל מעשי ידיו בגלוי ובסתר יזכה לראות בטוב ה' בארץ חיים מתוך סייעתא דשמיא נעלה.

המברכים בידידות עוז: אהרן דיאמאנט - בשם כל אחד ואחד מבני הקהלה

**האדמו"ר מנאראל:** אבי הגה"צ מנאראל זצ"ל היה בבחרותו בבעלזא ביום כ"ז אלול, וביהמ"ד כבר היה מלא המוני חסידים לקראת ראש השנה, וכאשר יצא מהרי"ד מבעלזא זי"ע לפקוד את ציון זקינו מהר"ש זי"ע לרגל ההילולא לא עלה בדעת אף אחד להצטרף כי לא נהגו ללכת לבית החיים כלל. אך אבי ז"ל אזר עוז והלך יחד עם הרה"ק ושניים או שלושה מהמשבקי"ם והיושבים. כאשר אחד היושבים הבחין בו בדרך עצרו ושאלו: לאן אתה הולך? וגם מהרי"ד הסתובב אליו והביט בו ונענה: "ער איז דאך אן אייניקל, מעג ער מיטקומען".

**המשב"ק** אמר שהוא נכד הרה"ח ר' משולם יואל צוקרמן ע"ה מברייטן-ביטש, ואמר **רבינו** שהוא כתב מכתבים למרן ז"ל כמעט בכל שבוע. אמר **הגרי"א שפירא:** הרב רינגל כותב את כל מה שמספר זקני שליט"א, כנראה זה בא לו בירושה מזקינו הרב צוקרמן... **הרב רינגל** סיפר: זקיני הרב צוקרמן היה מגיע למרן ז"ל עם קוויטלך ואחר ההסתלקות לא בא עוד למרן אד"ש, וכעבור כשנתיים חלם כי מרן ז"ל בא אליו ושאלו: "פארוואס גיבט איהר נישט קיין קוויטל פאר מיין זוהן?", ומאז התחיל שוב לבוא תמידין כסדרן עד לפטירתו. נענה **רבינו** בענוות-קדשו: ס'שטייט דאך (תהלים קג, יג) 'כרחם אב על בנים'...

**נכדו הגרי"א שפירא** הנ"ל דיבר בשבח הרה"ח ר' בינוש משב"ק שעסק עמו בענין מסובך וכו' ואמר: ס'איז ממש א קידוש ה' אז דער רבי האט אזא גבאי. ואמר רבינו: מסתמא איז דאס אויך 'זכות אבות', דאז"ה אויף פריילינכע אופנים.

**ונשאר האדמו"ר מנאראל שליט"א** ביחידות בקו"פ למשך זמן, ובירכו מרן אדמו"ר שליט"א ונפרדו לשלום.

## בקודש פנימה

❧ ביום חמישי פרשת פקודי העעל"ט אחר שחרית, ביקר **כ"ק האדמו"ר מסקווירא-פלעטבוש** הרה"צ ר' דוד טווערסקי **שליט"א** בהיכל קדשו של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, לרגל נישואי בתו למז"ט.

❧ בליל ששי פרשת פקודי העעל"ט, ביקר **כ"ק האדמו"ר מאוסטראה** הגה"צ ר' אלכסנדר זושא שיק **שליט"א** בהיכל קדשו של **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, לרגל נישואי בנו למז"ט. וכן נכנסו בחורי החמד תלמידי **ישיבת אורחות צבי בלעיקוואוד** לשמוע דברי הדרכה וברכה מפ"ק.

❧ בערב ובמוצש"ק פרשת פקודי העעל"ט, ניחם **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** את בני משפחת המנוח מוה"ר **ישכר דוב** ב"ר יוסף חיים **הכהן קאהן** ע"ה, שישבו שבעה ל"ע על פטירת אחיו/אביהם ע"ה.

❧ במוצש"ק פרשת פקודי העעל"ט אחר הבדלה,

השליחות
של רבותינו הקדושים
קמחא דפסחא דשיכון סקווירא

קמחא
דפסחא
דשיכון
סקווירא

מיסודו של כ"ק
מרן אדמו"ר זי"ע
ובנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

דעמאלט' אין די גאנצע ערשטע יארן, האט מען פארטיילט פון דעם קמחא דפסחא 'פאר צענדליגער' אידן. היינט טיילט מען פאר מערערע 'טויזענטער נפשות', וואס נעמט אריין א גרויס חלק פון שיכון; בתוכם די פילע הונדערטער משפחות פון לומדי מרכז הכוללים.

**זינט די הייליגע דיבורים גייט און די דאזיגע שליחות, אצינד אנגעפירט דורך הרה"ח ר' ישראל חיים קארן שליט"א**

**מיר נעמען א חלק אין דעם הייליגן שליחות!**